STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02431

DER PRAKHT FUN DI YUGND

Menahem Mendl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

גער פראכט פון די יוגנד

קלוגע רייד, פיינע אויפפיהרונגען,
אינטרעסאנטע איינפאלן און וואונדערבארע
ערצעהלונגען וועגן די

יוגנד יאהרן

פון

גדולי ישראל

צוזאמענגעשטעלט און בעארבעט
פון
מנחם מנדל

דריטער טייל

ירושלים תשל"ט

©
כל הזכויות שמורות
Copyright 1979 Jerusalem

נדפס בישראל
בדפוס "חמד", ירושלים

ישיבה אינגלאך אין ווארשא, פוילן

רבי אברהם מרדכי אלתר, גערער רבי

וואו דארף דער פייער ברענען

שוין אלס קינד, האט מען דערקענט אויף דעם קליינעם אברהם מרדכי'לע, דער שפעטערדיגער גערער רבי, אז עס ברענט אין איהם א הייליג פייער צום אויבערשטן.

ווען זיין טאטע, רבי ארי' לייב, דער „שפת אמת", האט אמאל געלערנט מיט איהם חומש, און זיי האבן געלערנט אין די פרשה וואו דער פסוק זאגט: „ואש המזבח תוקד בו" דער פייער פון דעם מזבח זאל ברענען אין איהם.

רופט זיך אן דער פאטער צו זיין קינד:

— דער פסוק זאגט, דאס דער פייער פון מזבח זאל אין איהם ברענען, אין וועמען זאל ער ברענען?

— אין דעם כהן! — האט דער קליינער אברהם מרדכי'לע געענטפערט.

רבי אברהם מרדכי אלתר, גערער רבי

געבוירן ז' טבת תרכ"ו צו זיין פאטער דער שפת אמת. אויפגענומען געווארן אלס רבי אין יאהר תרס"ה און געווען דער אומגעקרוינטער מנהיג פון פוילישן אידנטום. אין יאהר ת"ש זיך ארויסגעראטוועט פון דייטשן גיהנם און ארויף קיין ארץ ישראל. נסתלק געווארן שבועות תש"ח אין ירושלים.

דער גערער רבי, רבי אברהם מרדכי אלתר



דער גערער רבי, רבי אברהם מרדכי

מיט זיינע זיהן און פאמיליע

דער גערער רבי, רבי אברהם מרדכי אלתר
מיט זיינע זיהן און פאמיליע.

דער רבי ר׳ העשיל, קראקא׳ער רב

פון פאראויס איבערגערעכנט

דער רבי ר׳ העשל האט געקלונגען מיט זיין שארפ־זיניגקייט שוין פון קינדווייז אן. זיין פקחות איז געווען צו באוואונדערן.

עס ווערט דערצעהלט אז אמאל, פסח צום „סדר״ האט העשעלע ארויסגע׳גנב׳ט דעם „אפיקומן״ פון זיין טאטן דער גאון רבי יעקב אב בית דין פון לובלין. ווען ר׳ יעקב האט געוואלט עסן דעם „אפיקומן״ — האט ער איהם נישט געטראפן.

ער האט נישט געדארפט קיין סאך אריינטראכטן ווער עס האט געמאכט די „גניבה״, און ער האט זיך געווענדעט צו זיין קליינעם אינגעלע.

— העשעלע! — האט דער פאטער אויסגערופן — גיב שנעל אהער דעם אפיקומן!

— נישט אזוי גיך, טאטע, — האט העשעלע געענטפערט.

— וואס הייסט? — פרעגט דער טאטע.



די אלטע שוהל אין קראקא פון אינוויינינג

אידן אויף דער גאס אין קראקא

— אויב דו וועסט מיר צוזאגן אז באלד נאך פסח וועסטו מיר מאכן א זיידענע זשופיצע וועל איך דיר געבן צוריק דעם אפיקומן!

דער פאטער האט זיך אנגעהויבן צו דינגען מיט איהם. ער האט איהם געוואלט אפקויפן מיט א מטבע, צוויי, דריי, אבער העשעלע איז געווען איינגעשפארט: א זיידענער אויבער מלבוש, איז דער פרייז פאר אומקערן דעם אפיקומן, ביליגער וועט דאס נישט גיין.

— זאל זיין אזוי, אי"ה נאך פסח וועל איך דיר קויפן א נייע זשופיצע — האט דער טאטע פארשפראכן.

העשעלע הויבט זיך אויף פון זיין „הסבה־בעט" לויפט אריין אין דעם קליינעם צימערל זיינעם און ברענגט אריין דעם אפיקומן צו זיין טאטן.

דער פאטער נעמט די האלבע „מצה־אפיקומן" און הויבט אן צו טיילן „כזיתים", צו די רביצין, די קינדער און צו די אורחים. העשעלע שטעלט ארויס זיין הענטאלע און וויל אויך א כזית אפיקומן.

— „נישט אזוי גיך" — האט דער פאטער געענטפערט.

— וואס הייסט? — פרעגט העשעלע.

דער ציון פון רבין ר׳ העשל, און קראקאווער רבנים

— גאנץ פשוט — ענטפערט דער פאטער — אויב דו וועסט מוותר זיין אויף דיין פאדערונג „א זיידענעם מלבוש" קריגסטו א כזית אפיקומן, אויב נישט, איז נישט. קענסט זיך אויסקלייבן וואס דו ווילסט, איינס פון די צוויי: אדער א מלבוש אן א כזית אפיקומן, אדער א כזית אפיקומן און זאלסט פארציכטן אויפן מלבוש.

זייער א שווערע „ברירה", אבער נישט פאר העשעלען! ער נעמט ארויס פון קעשענע א כזית אפיקומן, און ווענדט זיך צו זיין פאטער:

— „ווייסט טאטע, אז איך האב פריער פארשטאנען דעם „קונץ" וואס דו וועסט מאכן, און איך האב זיך פריער פארזארגט: איידער איך האב דיר אומגעקערט די האלבע מצה־אפיקומן, האב איך פריער אפגעבראכן א כזית פאר מיר, איבעררעכענענדיג, וואס עס קען זיך טרעפן...

רבי העשל, קראקער רב

געבוירן צו זיין פאטער ר׳ יעקב, בריסקער רב און לובלינער רב. אלס יונגערמאן געפיהרט די ישיבה צוזאמען מיטן פאטער, שפעטער רב אין לובלין. אין יאהר תט״ו רב אין קראקא. דער רשכבה״ג אין זיין דור, און ווערט גערופן „דער רבי ר׳ העשל". פון זיינע פיהל כתבים זענען כמעט אלע פארלוירן געגאנגען און ווייניג געבליבן. נסתלק געווארן כ׳ תשרי תכ״ב.

א חדר אין וואנוואלניצע, פוילן

רבי יהושע העשל, כענטשינער רבי

פארשלאסן אין בית המדרש

שוין אלס קינד האט דער קליינער יהושע העשעלע דער שפעטערדיגער כענטשינער רבי, געשמט אלס גרויסער מתמיד. ווען ער איז נאך געווען א קליינער אינגל, איז ער אויפגעצויגן געווארן ביי זיין זיידן, ביי דעם „גוטן איד פון ניישטאט״.

איינמאל, ווען ער איז געזעסן אין בית המדרש און גע־לערנט ביז שפעט אין דער נאכט, האט דער שמש, וועלכער האט נישט באמערקט אז ערגעץ אין א ווינקל זיצט א אינגל און לערנט. פארשלאסן נאך זיך דעם בית המדרש.

אין רבינ׳ס הויף האט מען ארומגעזוכט דעם קליינעם יהושע העשלען און מען האט איהם אין ערגעץ נישט געקענט געפינען, און דארטן אין בית המדרש איז זיך געזעסן דאס אינגל יהושע העשל ביי א לעמפל, פארטיפט אין לערנען און ער האט גארנישט געפיהלט, אז אין בית המדרש איז קאלט און אז עס איז שוין אזוי שפעט...

א גאנצע נאכט האט מען ארומגעזוכט דאס אינגל יהושע העשלען אין ניישטאט. אין רבינ׳ס הויף איז געווען א גרויסע

רבי יהושע העשיל פון כענטשין

רבי יהושע העשל, כענטשינער רבי

געבוירן אין יאהר תרט״ז, צו זיין פאטער רבי חיים שמואל, כענטשינער רבי, וועלכער איז געווען א איידעם פון ר׳ יאסעלע ניישטאטער. ער האט זיך אויפגעהאדעוועט ביים זיידן. זיין התמדה איז געווען זייער גרויס. אין יאהר תר״ע איז ער געווארן רב אין כענטשין. אין תרע״ו רבי אנשטאט זיין פאטער, און ער בעזעצט זיך אין אלקוש. אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער ג׳ אב תש״ג אין סאסנאוויץ.

יללה, מען האט באוויינט און בעקלאגט דעם רבי׳נס אייניקל, וואס איז פארפאלן געווארן...

אינדערפרי, ווען דער שמש האט אויפגעעפנט די טהיר פון בית המדרש, אנצוהייצן דעם אויוון, האט ער געטראפן זיצן דאס אינגל, א באלד פערפרווירענעם, פארטיפט אין לערנען.

ווען דער שמש איז צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם געזאגט ער זאל גלייך אהיים לויפן, ווייל אין רבינ׳ס הויף טהוט זיך א איבערקערעניש, מען ווייסט נישט וואו ער איז אהינגעקומען האט דאס אינגל נישט געקענט פארשטעהן פארוואס די בהלה איז גרויס. ער האט גארנישט געוואוסט, אז עס איז שוין אדורכ־געגאנגען די נאכט, אז ער איז די גאנצע צייט געזעסן אין בית המדרש און געלערנט און נישט געפיהלט ווי די צייט איז א דורך.

ער האט גלייך פערמאכט די גמרא און איז אהיימגעגאנגען אנזאגן זיינע עלטערן מיטן זיידן, דעם „גוטן איד״, אז ער לעבט, אז ער האט זיך נאר אביסל פארצויגן אין לערנען, דעריבער האט ער נישט געוואוסט אז די נאכט איז אזוי שנעל אדורכגע־לאפן...

אזא גרויסער מתמיד איז יהושע העשל שוין געווען פון יוגנט אן און א מתמיד איז ער געבליבן זיין גאנצן לעבן.

רבי יחזקאל לאנדא, פראגער רב

א מפורשע ראיה

געוועזן זענען זיי צוויי ברידער און געפיהרט א געשעפט בשותפות. זיי האבן געלעבטביידע צוזאמען מיט גרויס פריינדשאפט און געווען געטריי איינער דעם צווייטן, ממש צו באוואונדערן.

מיט אמאהל האט זיך דער שטן אריינגעמישט צווישן זיי און אויפגערייצט איינעם אויף דעם אנדערן, עס איז געווארן א גרויסע קריגעריי און שלעגעריי צווישן די צוויי ברידער ביז זיי האבן זיך ענדליך צוטיילט מיטן געשעפט און זיך פונאנדערגעשיידט מיט גרויס פיינדשאפט און כעס.

איינער פון די ברידער איז געווען אזוי שטארק אויפגע־בראכט, דאס בשעת דעם צוטיילן זיך האט ער געשוואוירן ער זאל מעהר נישט אנקוקן דעם ברודער אין פנים אויף אייביג.

דער צווייטער ברודער איז פון דער גאנצער קריג געווארן שטארק צובראכן, עס איז איהם דערגאנגען ביז צום הארצן, ער איז ענדליך קראנק געווארן און געשטארבן.

דער ברודער וואס איז געבליבן לעבן האט יעצט גענומען

א אידישע גאס אין פראג

רבי יחזקאל לאנדא, דער נודע ביהודה

איינזעהן ווי ווייט זייער קריגעריי איז פארגאנגען און די פאלגן וועלכע זענען דערפון ארויס געקומען. ער האט באקומען גרויס חרטה און זיין געוויסן האט איהם גענומען פייניגן. ער האט געוואלט קומען צום טויטן ברודער און בעטן ביי איהם מחילה. אבער דא האט ער זיך דערמאנט אין זיין שבועה וואס ער האט געשוואוירן, ער זאל דעם ברודער אויף אייביג נישט אנקוקן דעם פנים, וואס זשע זאל ער דא יעצט טהון?

ער האט זיך געווענדעט צו די רבנים פון זיין שטאדט זיי זאלן איהם פסקענען דעם דין. האט זיך ענטוויקלט צווישן זיי א גרויסער ויכוח און זיי האבן נישט געקענט צוקומען צו קיין גלייכער מיינונג, טייל האבן געהאלטן אז ער מעג יא קוקן איהם אין פנים, און טייל האבן געהאלטן אז ער טאר נישט.

דער צוועלף יעהריגער יחזקאל, דער שפעטערדיגער פראגער רב און בעקאנט אויף דער וועלט לויט זיינע ספרים „נודע ביהודה" און „צל"ח", איז דאן געזעסן אין בית המדרש ווען זיין רבי, ר' אייזיקל לודמירער, האט זיך בעמיהט צו געפינען א אויסוועג ווי אזוי צו ענטשיידן די דאזיגע הארבע פראגע. ווען דער יונגער יחזקאל האט געהערט וועגן וואס עס האנדלט זיך דא, האט ער זיך געווענדעט צו זיין רבין און אויסגערופן:

— אויף דער דאזיגער פראגע קען מען לייכט ברענגען א ראיה פון דער תורה, עס איז כמעט מפורש ווי אזוי צו פסקענען אט דעם דין.

רבי יחזקאל לאנדא, דער נודע ביהודה

— אדרבה — זאגט צו איהם דער רבי — לאמיר הערן ווי אזוי-?

— די תורה דערצעהלט אונז — האט דער קליינער יחזקאל געגומען דערקלעהרן זיין ראיה — דאס בשעת די אידן זיינען ארויס פון מצרים, האט משה רבינו צו זיי געזאגט: „כי כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם" — נאר היינט וועט איהר נאך זעהן די מצריים און מעהר וועט איהר זיי שוין אויף אייביג נישט זעהן. פונדעסטוועגן דערצעהלט אונז דער פסוק ווייטער: „וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים" — אז די אידן האבן יא געזעהן די מצריים, דערפון זעהען מיר קלאהר, אז די שבועה איז נאר געוועזן ביים לעבן און נישט נאכן טויט.

דער רבי איז ארויס פון התפעלות פון דעם דאזיגן עילויאישן כאפ, און אויך די רבנים און למדנים פון שטאדט האבן באוואונדערט די וואונדערבארע פעהיגקייטן פון דעם יונגן אינגל.

רבי יחזקאל לנדא, פראגער רב

געבוירן אין ח"י מרחשון תע"ד אין אפטא. ביי צוואנציג יאהר איז ער געווארן א ראש פון פיהר בתי דינים ביי איהם אין שטאדט. אין יאהר תק"ה רב אין יאמפאלע. אין יאהר תקי"ד רב אין פראג. נסתלק געווארן י"ז אייר תקנ"ג. זיינע ספרים: „שו"ת נודע ביהודה" אויף די פיהר טיילן פון שולחן ערוך, „צל"ח" אויף ש"ס, און דרשות. פון די גרעסטע פוסקים אין זיין דור.



די אלטניי שוהל אין פראג

דער אידישער געטא אין פראג



די אלטניי שוהל פון אינוויינִיג

רבי יצחק ירוחם דיסקין

צוריסן די תעודה

שוין אלס קינד איז דער גאון רבי יצחק ירוחם דיסקין זצ״ל געווען דער ליבלינג פון זיין פאטער, דער גאון הדור רבי יהושע לייב זצ״ל, ער האט איהם נישט געשיקט לערנען אין דער תלמוד תורה פון שטאדט, נאר ער אליין האט באשטימט מיט איהם א שיעור און אויפגעזיכט אויף זיין ערציהונג.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז אונטער אזא ערציהונג איז ער נאך אלס קינד געווען בעקאנט אלס עילוי, ווייל אויסער זיינע גאונישע כשרונות און געוואלדיגע התמדה, האט דאס לערנען מיט זיין גאונישן פאטער פארברייטערט זיין האריזאנט און ער האט באקומען די ריכטיגע וועג פון לערנען און מחדש זיין.

ווי עס איז דער שטייגער אין אלע ישיבות און תלמודי תורה, האט מען שטענדיג געזוכט צו גרויסמאכן די מצוינים און אויסגעצייכנטע קינדער, זיי געבן געשאנקען ווי אויך תעודות, כדי ארויסצורופן ביי די אנדערע קינדער, יענע זאלן אויך ענטווי-קלען זייערע פעהיגקייטן און זוכן צו שטייגן אין לערנען, כאטש עס וועט זיך נעמען צוליב קנאה, האבן דאך שוין די חז״ל געזאגט „קנאת סופרים תרבה חכמה״.



רבי יצחק ירוחם דיסקין

ווען דער קליינער יצחק ירוחם האט געזעהן ווי די אנדערע קינדער אין זיינע יאהרן בעקומען כסדר אויסצייכענונגען און גוטע תעודות, האט ער אויך בעקומען חשק צו האבן א תעודה פון אויסצייכענונגען, וויבאלד אבער ער האט אין קיין תלמוד תורה נישט געלערנט, נאר ביי זיין גרויסן פאטער, האט ער זיך געווענדעט צום פאטער, בעטנדיג ביי איהם א תעודה.

— אויב דו וועסט זיך ביי מיר פארהערן דריי סוגיות אין ש"ס, וועל איך אליין דיר אפשרייבן א תעודה — האט איהם דער פאטער געענטפערט.

דער אינגל האט צוגעשטימט, און אויף דעם אנדערן טאג האט ער זיך פארהערט ביים פאטער דריי סוגיות אין פארשידענע ערטער אין ש"ס.

אויף די תעודה וואס דער בריסקער רב האט ארויסגעגעבן פאר זיין קינד, איז געווען אנגעשריבן, אויסער די גרויסע פעהיג־קייטן און אויסצייכענונגען פון דעם קליינעם עילוי, ווי אויך די פאלגענדע ווערטער: „איך קען עדות זאגן, דאס דער אינגל איז בעהאוונט אין דאס מערהייט סוגיות פון ש"ס".

די דאזיגע תעודה האט ארויסגערופן גרויס שטוינונג און וואונדער ביי אלעמען, די וואס האבן גוט געקענט דעם בריסקער רב און געווען מיט איהם נאהנט, האבן געוואוסט ווי ווייט זיין ווארט איז געמאסטן און געוואויגן, און אויב ער שרייבט אויף זיין קינד אזעלכע שבחים איז עס געוויס ריכטיג אויסגעהאלטן.

רבי יצחק ירוחם דיסקין

איז דעריבער געווען דער טאג שמועס וועגן דער דאזיגע תעודה, און ווען עס פלעגט קומען א גאסט אדער סתם א חשובער בעל הבית אין שטאדט, איז ער געווען נייגעריג צו זעהן און איבער לייענען די תעודה פון בריסקער רב, וואס ער שרייבט אויף זיין קינד, דעם נאך־פאר־די־בר־מצוה אינגל, אז ער איז בקי אין רוב סוגיות הש״ס.

אזוי זענען אדורך עטליכע מאנאטן, און די נייגעריגקייט פון די אנקומענדע און דורכפאהרענדע געסט איז כסדר געשטיגן.

און פלוצלונג אין א טאג, נעמט דער קליינער יצחק ירוחם און צורייסט די תעודה וואס ער האט באקומען פון זיין פאטער.

וואס איז דא געשעהן! פארוואס האט דער קליינער יצחק ירוחם׳ל צוריסן די תעודה אויף וועלכע ער האט געווארט און אזוי לאנג געהאפט עס צו באקומען?

די דאזיגע מעשה האט דערצעהלט הרה״ג רבי זלמן וועבער זצ״ל, וועלכער איז געווען פון די לומדים און גדולי ירושלים, און א ישיבה מאן אין דער ישיבה „אהל משה״, און אין די לעצטע יאהרן אלס ראש ישיבה פון די פרעשבורגער ישיבה אין ירושלים, און ער האט עס געהערט פון רבי יצחק ירוחם׳ן אליין. רבי יצחק ירוחם האט דאן אויסגעפיהרט צו ר׳ זלמנ׳ן:

— איהר זאלט נישט מיינען אז עס איז מיר געווען אזוי לייכט און איך האב צוריסן די תעודה פון מיין פאטער מיט א רוהיגן געמיט, גלויבט מיר, אז עס האט מיר פיהל מעהר ווי

דער ציון פון רבי יצחק ירוחם דיסקין

געטהון דאס צורייסן, ווי דער חשק וואס איך האב געהאט צו באקומען און ערדייכן די תעודה. אבער וויבאלד איך האב איינ־געזעהן ווי גרויס עס איז דער ביטול תורה וואס די דאזיגע תעודה שאפט מיר, דאס עס איז ממש נישט אויסצוהאלטן, און צוליב דער דאזיגע תעודה זאל איך פארלירן סיי די וועלט און סיי יענע וועלט, איך זאל זיך נאך אויך גרויסהאלטן דערמיט און באקומען גאוה, האב איך אויף קיין זאך נישט געקוקט און פארניכטעט די דאזיגע אין־מיינע־אויגן אזוי אזוי טייערע תעודה!

רבי יצחק ירוחם דיסקין

געבוירן כ״ב שבט תקצ״ט צו זיין פאטער רבי יהושע ליב דיסקין, בריסקער רב. פון פינף יאהר האט ער שוין אליין געלערנט גמרא רש״י תוספות, און ביי זיבן יאהר שוין געלערנט ביים פאטער אין דער ישיבה. ער האט נישט געוואלט נעמען אויף זיך דעם יאך פון רבנות. זיינע אלע יאהרן האט ער געליטן יסורים אבער נישט אויפגעהערט צו לערנען. אין יאהר תרס״ח איז ער ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל און געשטאנען אין שפיץ פון די מוסדות וואס זיין פאטער האט געגרינדעט, ווי בית יתומים דיסקין, ישיבת אהל משה, און אנגעפיהרט דאס יהדות החרדית צוזאמען מיט רבי יוסף חיים זוננפלד. נסתלק געווארן ער״ח אדר תרפ״ה.

רבי ישכר דוב רוקח, בעלזער רבי

זיך טרעפן אויף דער חתונה

דער ליבלינג פון דער פאמיליע איז דער קליינער בערעלע, דער שפּעטערדיגער בעלזער רבי, ר' ישכר דוב זצ"ל, געווען שוין פון קינדוויז אן. דער פאטער, דער צווייטער בעלזער רבי, ר' יהושעלע זצ"ל, האט איהם געהאלטן כסדר נעבן איהם און אויך דער זיידע, דער ערשטער בעלזער רבי, הצדיק רבי שלום זצ"ל, האט איהם זייער געליבט.

איינמאל, בשעת בערעלע איז נאך געווען א יונג קינד, האט זיך די פאמיליע געגרייט צו פאהרן אויף א חתונה. מען האט אבער באשלאסן נישט מיטצונעמען די קליינע קינדער. דער קליינער בערעלע האט אבער שטארק חשק געהאט זיך צו בעטייליגן אויף דער חתונה און ער האט געבעטן ביי זיין מוטער זי זאל איהם מיטנעמען.

— וועגן וואס שפּארט דיר אזוי שטארק צו זיין אויף דער חתונה? — האט איהם זיין מוטער געפרעגט — ווער וועט דארטן אויף דיר אכטונג געבן?

— איך קען עס נישט אויסזאגן — האט דער קליינער בערעלע געענטפערט — נאר פארן פאטער אליין.

דער בעלזער רבי, רבי ישכר דוב רוקח

איז די רעבעצין אריינגעגאנגען צום צדיק און איהם דערצעהלט וועגן דעם קינד'ס ביטע. דער פאטער רבי יהושע'לע האט געהייסן אריינרופן צו זיך זיין קליין אינגל בערעלע.

— נו, מיר ווילסטו דאך אויסזאגן פארוואס דו האסט אזוי שטארק חשק צו פאהרן אויף דער חתונה — האט דער פאטער זיך געווענדעט צום קינד.

האט דער קליינער בערעלע דאן אזוי געזאגט צו זיין פאטער:

— מען זאגט אלעמאל דאס ווען עס קומט פאר א חתונה, קומען די עלטערן וועלכע זענען שוין לאנג אויפן עולם האמת און זיי נעמען אנטייל אין דער שמחה. וויל איך דעריבער האבן די זכיה זיך צו געפינען מיט זיי אונטער איין דאך און אפשר וועל איך זיי אויך זוכה זיין צו זעהן.

צווייטנס, האב איך זיך בייננאכט געחלומט, ווי עס קומען צו מיר דריי עלטערע אידן, מיט לייכטענדע געזיכטן, מיט וואונדערבארע שיינע הדרת פנימער. די דאזיגע דריי זקנים האבן געהאלטן אין האנד שטעקענעס און זיי האבן צו מיר געזאגט אז זיי וועלן אויך קומען אויף דער חתונה. וויל איך דעריבער מיטפאהרן כדי זיי דארטן זעהן. זיי האבן מיר אויך געזאגט דעם פסוק: „ואתכם יהיו איש איש למטה איש ראש לבית אבותיו הוא".

— אויב דאס זענען דיינע טעמים — האט דער פאטער

דער בעלזער רבי, רבי ישכר דוב רוקח

געענטפערט נאך א קורצע פויזע — וועט מען דיר מיטנעמען אויף דער חתונה, ווייל פון דעם דאזיגן פסוק איז טאקע א ראיה און א רמז דאס ביי א חתונה באטייליגן זיך דריי דורות פון די אור עלטערן, און דעריבער שטעהט דערמאנט אין פסוק דריי מאהל דאס ווארט „איש”.

און בערעלע איז געפאהרן אויף דער חתונה.

רבי ישכר דוב רוקח, בעלזער רבי

געבוירן אין יאהר תרי״ב צו זיין פאטער רבי יהושע, דער צווייטער בעלזער רבי. אין יאהר תרכ״ז א איידעם פון רבי משולם זושא, דער זוהן פון רבי אהרן טשערנאבלער. אין יאהר תרנ״ד איבערגענומען די הנהגה און רבנות אין בעלז. אויפגעשטעלט די מחזיקי הדעת צו קעמפן קעגן דער השכלה. נסתלק געווארן שבת קודש כ״ב מרחשון תרפ״ז.

דער בעלזער רבי, רבי ישכר דוב רוקח

רבי צבי הירש לוין, בערלינער רב

ער צומישט דעם שטן

דער קליינער הערשעלע, דער שפעטערדיגער באוואוסטער בערלינער רב, רבי צבי הירש לעווין, איז שוין אלס קינד געווען בעקאנט מיט זיין קלוגשאפט און שארפקייט.

איינמאל, ראש השנה, האט איהם זיין פאטער געטראפן ווי ער עסט פאר די תקיעות.

— הערשעלע! — האט דער פאטער אויסגערופן צו איהם מיט א געמאכטער כעס — ווייסטו נישט אז מען טאר נישט עסן פאר די תקיעות?

— געוויס ווייס איך עס, טאטע! — האט דער קליינער הערשעלע געענטפערט — אבער וויבאלד דער גאנצער ענין פון תקיעות שופר איז דאך, כדי צו צוטומלען דעם שטן, ער זאל נישט מקטרג זיין, דעריבער האב איך אויך געוואלט צו־טומלען דעם שטן, ווארום דער שטן ווייסט דאך געוויס אז מען טאר נישט עסן פאר תקיעות, און ווען ער וועט זעהן ווי איך עס, וועט ער טראכטן: געוויס האבן שוין די אידן געבלאזן שופר און ער וועט מעהר נישט מקטרג זיין...



דער אידישער קווארטל אין בערלין

רבי צבי הירש לוין, בערלינער רב

געבוירן אין יאהר תפ״א צו זיין פאטער רבי ארי׳ ליב, רב פון רישא, גלוגא, לעמבערג און אמסטערדאם, א זוהן פון רבי ר׳ העשל פון קראקא. אלס יונגערמאן האט ער שוין אנגע־פיהרט א גרויסע ישיבה אין גלוגא. אין תרי״ז איז ער געווארן רב אין לאנדאן. אין תקכ״ג אין האלבערשטאט. אין תק״ל אין מאנהיים און אין יאהר תקל״ב רב אין בערלין און די מדינה. ווען די ראשי הקהל פון בערלין האבן געוואלט איינפיהרן נייעסן אין שטאדט האט ער פארלאזן די שטאדט און נישט צוריקגעקומען ביז מען האט געמאכט וויכטיגע תקנות. געבליבן פון איהם א ביסל חידושים וועלכע זענען געדרוקט אין ספר צבי לצדיק. נסתלק געווארן ד׳ אלול תק״ס.

רבי צבי הירש לוין



א שוהל אין בערלין



ישיבה בחורים אין ליפסק, פוילן

רבי שלום בער (רש״ב), ליובאוויטשער רבי

צוליב איין זינד טהון א צווייטער?

ווען דער ליובאוויטשער רבי ר׳ שלום בער, בעקאנט אונטערן נאהמען „דער רש״ב״, איז געווען א קינד פון פיהר יאהר, האט אמאל געטראפן און א שניידער האט אריינגעבראכט צו זיי אין שטוב א קלייד וואס ער האט אויפגענייט.

ווען דער שניידער האט געהאלטן דעם בגד אין האנד. האט דער קליינער שלום בער ארויסגעצויגן פון דעם שניידערס קעשענע א שטיקל סחורה וואס איז פארבליבן פון דעם בגד.

דער שניידער, וועלכער איז זייער שטארק פארשעמט געווארן, האט זיך גענומען פארענטפערן אז ער האט עס פשוט פארגעסן אין קעשענע און ער האט עס נישט געמיינט צוצונעמען.

ווען דער שניידער איז אוועק, האט זיך די מוטער אנגערופן צום קינד:

— זעה, מיין קינד, ווי אזוי דער שניידער איז דורך דיר פארשעמט געווארן.

ווען דער קליינער שלום בערעלע האט געהערט די שטראף רייד פון דער מוטער, האט ער זיך ביטערליך צוויינט.

רבי שלום בער, דער רש״ב

אין עטליכע טעג ארום, איז דער קליינער שלום בער ארײנ־געגאנגען צו זיין פאטער — וועלכער האט נישט געוואוסט פון דער גאנצער פאסירונג — און איהם געפרעגט, מיט וואס קען מען פארריכטן אויף דעם וואס מען האט געזינדיגט אויב מען האט איינעם פארשעמט, אויב מען האט עובר געווען אויף דעם הארבן איסור פון הלבנת פנים.

ווען דער פאטער האט איהם געפרעגט, וועגן וואס דארף ער עס וויסן, האט דער קליינער שלום בערעלע נישט געוואלט דערצעהלן פון קיין זאך.

ווען די מוטער האט איהם געפרעגט פארוואס וויל ער נישט דערצעהלן פארן פאטער דאס וואס איז דאן פארגעקומען מיטן שניידער, האט דער קליינער שלום בער געענטפערט:

— נישט גענוג וואס איך האב פארשעמט א מענטשן, זאל איך נאך מעהר זינדיגן מיטן רעדן רכילות און לשון הרע?!

רבי שלום דובער שניאורסאן, ליובאוויטשער רבי

געבוירן כ׳ מרחשון תרכ״א צו זיין פאטער רבי שמואל, בעקאנט אלס דער מהר״ש פון ליובאוויטש. פון תשרי תרמ״ג איבערגענומען די הנהגה פון חב״ד. אנגענומען אלס עמקן אין תורת חב״ד. פיהל ספרים און קונטרסים אין תורת חב״ד זענען פון איהם געדרוקט געווארן. גרינדער און אויפשטעלער פון די ישיבות תומכי תמימים ליובאוויטש אין יאהר תרנ״ז. נסתלק געווארן ב׳ ניסן תר״פ אין ראסטאב-דאן.